**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/24/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט אויספירליכע רייניגונג פלענער פאר געוועזענע בעטלעהעם סטיעל ארט

### *אפגעשאצטע 69 מיליאן דאלערדיגע רייניגונג זיך אנצוהויבן קומענדע יאר*

### *רייניגונג וועט געבן פובליק צוטריט צו לעיק ערי׳ס וואסער-ברעג צום ערשטן מאל אין איבער א יארהונדערט*

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן די סעלעקציע פון ענדגילטיגע רייניגונג פלענער פאר די אפגעשאצטע 69 מיליאן דאלערדיגע פארריכטונג פון דער געוועזענער בעטלעהעם סטיעל ארט אין לאקאוואנא. די אנאנסמענט בויט אויף די פארשריטן שוין אונטערוועגנס ביי דעם ארט, און קאנסטרוקציע וואס וועט פאראויס-ציען די רייניגונג פלאן איז ערווארטעט זיך אנצוהויבן קומענדע יאר. אין צוגאב צו אדרעסירן פארפעסטיגונג לענגאויס דעם ארט, וועט דער רייניגונג באזארגן פובליק צוטריט צו לעיק ערי צום ערשטן מאל אין איבער 100 יאר.

"מיין פאמיליע האט געארבעט ביי דעם בעטלעהעם סטיעל פאבריק און איך ווייס ערשט-האנטיג וואס רייניגן דעם געוועזענעם ארט אין לאקאוואנא באדייט פאר די מענטשן וועלכע וואוינען דאהי," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "היינט צייכנט אפ א קריטיש-וויכטיגע גרייכפונקט אין דעם ווידער-געבוירן פון דעם שטאט און דער פראיעקט איז דער פערפעקטער ביישפיל פון וויאזוי ניו יארק סטעיט בויט איבער קאמיוניטיס דורך לייגן געוועזענע אינדוסטריעלע ערטער ווי בעטלעהעם סטיעל צו א גוטן באניץ, און דורכדעם העלפן טראנספארמירן געגנטער, באשיצן דעם ענווייראָנמענט, און אונטערצינדן עקאנאמישע אנטוויקלונג."

בעטלעהעם סטיעל איז אמאל געווען א הויפט עקאנאמישע מאטאר אין מערב ניו יארק, ארייננעמענדיג איבער 1,600 עיקערס פאר אייזן און שטאל פראדוקציע זינט אנהויב 20׳סטן יארהונדערט. פארריכטונגען פון באזונדערע אפטיילן פון דעם פּראָפּערטי ווערט פאראויס-געפירט דורך ניו יארק סטעיט פראגראמען, אריינגערעכנט DEC׳ס סטעיט סופערפאָנד פראגראם, רעסאָרס אפהיט און ערהוילונג אקט פארריכטונג אקציע פראגראם, און דער בראונפיעלד רייניגונג פראגראם. פארפעסטיגונג ביי דעם ארט רעכנט אריין דערהויבענע שטאפלען פון מעטאלן, אריינגערעכנט ארסעניק און אנדערע מעטאלן פארבינדן מיט פאבריצירונג פראצעסן וואס האבן זיך אפגעמאל געפונען אין דעם שטאל אינדוסטריע. אין צוגאב האט דערברייטער באניץ פון רעילראוד טראנספארטאציע, אוילן, שמאלץ, און ברענען פאסיל-ברענוואַרג באטראפן ערד ביים ארט, ווי אויך סעמיי-וואלעטיל ארגאנישע קארבאן שטאנדטיילן, ספעציפיש פאליציקליק ארמאטישע הײדראקארבאנס.

**דעפארטמענט אָוו ענווייראנמענטעל קאנסערוועישען (DEC) קאמישענער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** "די רייניגונג און ווידער-אנטוויקלונג פון דעם געוועזענעם בעטלעהעם סטיעל ארט וועט זיין טראנספארמירנד פאר דעם שטאט לאקאוואנא און גאנץ מערב ניו יארק. די ווידער-אויפלעבונג,

פאראויס-געפירט אונטער DEC-אויפזיכט צו פארזיכערן אז איז באשיצנד פון פובליק געזונטהייט און דעם ענווייראָנמענט, וועט ארויסגעבן בענעפיטן פאר דעם גאנצן קאמיוניטי, פארבעסערן פארוויילונג דורך באזארגן צוטריט צו דער וואסער-ברעג צום ערשטן מאל אין איבער א יארהונדערט און טרייבן אנטוויקלונג געלעגנהייטן וואס וועלן פארשטערקערן דעם ראיאן׳ס עקאנאמיע."

די סטעיטמענטס פון באזיס היינט אויסגעפירט און צו געפונען אויף דעם DEC וועבזייטל ביי ענווייראנמענטאלע רייניגונג ביי געוועזענע בעטלעהעם סטיעל ארט - ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיט, פארטרעטן דער פארריכטונגס-מיטל אויסגעקליבן צו אדרעסירן פארפעסטיגונג פארבינדן מיט דעם ארט און אנדייטן פארוואס דער פארריכטונגס-מיטל איז אויסגעוועהלט געווארן. די דאקומענטן רעכענען אריין אן אפרופענד איבערבליק וואס אדרעסירט פובליק קאמענטארן איבער די פארשלאגן, וועלכע זענען אנאנסירט געווארן אין מאי 2021. די רייניגונג איז געאייגנט אויף צו אויפריכטן דער געוועזענער בעטלעהעם סטיעל פּראָפּערטי אויף אן אופן וואס באַשיצט מענטשליכע געזונט און דעם ענווייראָנמענט. דער שטאנהאפטיגע אויפריכטונג פון דעם ארט טוהט פאראויס-פירן DEC׳ס צילן פון אפהיטן, אויפריכטן און באהעפטן די נאטורליכע אוצרות און באפעסטיגונג אייגנשאפטן פון דעם לעיק ערי שאָרליין.

הייל שריטן פלענער (RAP) וועלן וויזן דעם וועג פאר באמיאונגען וואס וועלן ווערן אונטערגענומען ביי דעם ארט. אין צוגאב צו אדרעסירן פארפעסטיגונג וועלן די דערנאכיגע באשעפעניש-וואוין-ערטער אויפריכטונג ארבעט באזארגן פובליק צוטריט צום דעם וואסער-ברעג צום ערשטן מאל אין איבער 100 יאר. די RAP׳ס זענען פארלאנגט אונטער די באדינגונגען פון דעם 2020 פאראָרדנונג אויף קאנסענט, א לעגאלע אינפארסירונג אפמאך צווישן DEC, טעקומסעה, און טעקומסעה׳ס געוועזענע באזיצער קערפערשאפט, ארצעלאר מיטאל יו-עס-עי, צו גרונטליך רייניגען דעם געוועזענעם ארט פון בעטלעהעם סטיעל פאר אן אפגעשאצטע 69 מיליאן דאלער.

DEC׳ס צושטימונג פאראָרדנונג פארלאנגט לעגאלערהייט פון טעקומסעה און ארצעלארמיטאל, די קאמפאניס וועלכע האבן געקויפט די ענווייראנמענטאלע קאסטן פון בעטלעהעם סטיעל נאך איר באנקראטיר, צו:

- אויספירן א גרונטליכע היילונג פראגראם וואס רעכנט אריין רייניגונג און האלטן אן אויג איבער 489 עיקערס פון דער געוועזענער בעטלעהעם סטיעל ארט די נאענטסטע נעבן לעיק ערי שאָרליין;
- באזארגן פארשליסונג און נאך-פארשליסונג אויסהאלט פאר דעם ארט, אריינגערעכנט פינאנציעלע פארזיכערונגען.
- צוריקצאלן פאר ניו יארק סטעיט קאסטן צוגערעכנט פאר איבערזיכט פון דעם רייניגונג;
- שטיצן שטארקע פובליק אנטיילנעמונג און באשעפטיגונג אין אנטוויקלען און איינפירן ארט רייניגונג פלענער;
- באזארגן פובליק צוטריט נאכפאלגנדיג די רייניגונג צו טיילן פון דער לאקאוואנא וואסער-ברעג און
- אנטיילנעמען אין א פובליק / פריוואטע שותפות וואס וועט אפשאצן לאקאציעס און אויסטיליזירונגען צו אויפריכטן טיילן פון לאקאוואנא׳ס שאָרליין און פארבעסערן באשעפעניש-וואוין-ערטער.

העכערן וואסער-ברעג צוטריט צו לעיק ערי איז א הויפט שטאנדטייל פון אן אויסהאלטבארע עקאנאמישע אנטוויקלונג סטראטעגיע פאר דעם ארט. DEC קוקט ארויס אויף צו ארבעטן מיט

קאמיוניטי סטעיקהאָלדערס צו אנטוויקלען פלענער פאר פוב צוטריט צו דעם וואסער-ברעג און באשעפעניש-וואוין-ערטער אויפריכטונג געלעגנהייטן לענגאויס דעם לעיק בארטן.

**סענאטאר טים קענעדי האט געזאגט,** "דער בּעטלעהעם סטיעל ארט האט אמאל געברימט מיט דזשאבס און עקאנאמישע אקטיוויטעט, און איצט, מיט דער באדייטנדער פארשריטן, ארבעטן מיר ביסלעכווייז אבער מיט זיכערהייט צום זעהן יענע פאטענציעל נאכאמאל. מערב ניו יארקער ווילן ענדגילטיג זעהן א טראנספארמירנדע צוגאנג צו דעם ארט, און איך בין באגייסטערט צו זעהן געלעגנהייטן וואס דער דאזיגער איניציאטיוו וועט אויפעפענען פאר די ארבעטער פון לאקאוואנא. איך לויב ניו יארק סטעיט, דער DEC און גאווערנער האקול פאר אנערקענען די וויכטיגקייט און ווירקונג דאס וועט האבן."

**סענאטאר שעאן רייען האט געזאגט,** "מיט צענדליגע יארן צוריק איז בּעטלעהעם סטיעל געווען דער צענטער פון דער מערב ניו יארק עקאנאמיע. מיט דאס פארשליסן פון דעם פאבריק, זענען אפעקטירט געווארן טויזנטער פאמיליעס אין אונזער ראיאן. די פאררריכטונגס-מיטל פון דעם ארט ווער ערמעגליכן פאר דעם נאכגעלאזטע לאנד טייל צו קענען ווידעראמאלביישטייערן צו אונזער ראיאן׳ס עקאנאמיע — און באזארגן צוטריט צו דעם לאקאוואנא וואסער-ברעג צום ערשטן מאל אין דורות. אלס א לאקאוואנא געבוירענער וואס האט געזעהן די ווירקונגען פון בּעטלעהעם סטיעל׳ס אונטערגאנג האב איך ספעציעלע דאנקבארקייט פאר די ווירקונג וואס דער פראיעקט וועט האבן אויף מיין היים שטאט און איך בין באגייסטערט צו זעהן אז מיר האבן דערגרייכט דעם וויכטיגן גרייכפונקט."

**אסעמבלי-מיטגליד דזשאנעטען ריווערע האט געזאגט,** "אלס רעזולטאט פון די אויספירליכע פאררריכטונגס-מיטלען דורך די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אָוו ענווייראנמענטעל קאנסערוועישען וועט דער רייניגונג פון דעם געוועזענעם בּעטלעהעם סטיעל ארט ווידער געבן פובליק צוטריט צו לעיק ערי צום ערשטן מאל אין א יארהונדערט. איינמאל די אויפריכטונגס-מיטלען איז פארענדיגט אויף באלד 500 עיקערס, וועלן מערב ניו יארקער ווידעראמאל באהאפטן ווערן מיט אונזער ראיאן׳ס בעסטע אייגנשאפט, און עס וועט, צום ערשטן מאל אין דור, קענען פארמיטלען אן אויפריכטונג פון לעיק שאָר באשעפעניש-וואוין-ערטער וועלכע זענען שוין צו לאנג נעגאטיוו באטראפן געווארן דורך די ווירקונגען פון פארפעסטיגונג. דער רעזולטאט וועט זיין א געווינס פאר די ענווייראָנמענט, קאמיוניטיס אן ארטיגע עקאנאמיע."

**ערי קאונטי עקזעקיוטיוו מארק פאלאנצארז האט געזאגט,** "דער ניי א נאמען געגעבענער ׳רענעסאנס קאָמערס פארק׳ איז ענערגיזירט און ציעט זיך אויף פאראויס אלס א צענטער פאר ביזנעס אין ערי קאונטי און די מעלדונג וועט ווייטער פירן די פארשריטן. איך דאנק גאווערנער האקול און טעקומסע פאר׳ן אויסארבעטן די אויספירליכע רייניגונג אפמאך, און מאכן מער פון דעם ערד-טייל גרייט צו באקומען פאר ווידער-אנטוויקלונג און אין דער זעלבער צייט אויך העכערן פובליק צוטריט צום וואסער-ברעג. עס איז א נייעם טאג און א ליכטיגן צוקונפט ביי דער געוועזענער בּעטלעהעם סטיעל ארט."

**שטאט לאקאוואנא מעיאר אנעט איאפאלא האט געזאגט,** "דער NYSDEC׳ס פאררריכטונגס פלאן פאר די לעיק-זייטיגע 500 עיקערס פון דער געוועזענער בּעטלעהעם סטיעל ארט פארטרעט נאך א באדייטנדע גרייכפונקט אין די אנגייענדע ווידער-אנטוויקלונג פון דעם היסטארישן אינדוסטריעלן ארט. דורך שטארקע מולטי-רעגירונג און פריוואטע צוזאמענארבעט און אינוועסטירונגען שאפן מיר שטאנדהאפטיגע קאמערציעלע אקטיוויטעט וואס וועט שאפן שטערקערע שטייער איינקופטן און ארבעט געלעגנהייטן פאר לאקאוואנא און ערי קאונטי. מיר וועלן אויך זעהן ווי פובליק פארוויילונג צוטריט קערט זיך אום צוריק צו א דערבייאיגן טייל פון דעם לעיק ערי שאָרליין פאר די ערשטע מאל אין איבער 120 יאר. די שטאט לאקאוואנא איז דערהייטערט און פארעהרט צו זיין א וויכטיגע צוזאמענארבעטער אין דעם איינמאל-אין-לעבנדיגע טראנספארמירנדע באמיאונג."

קאנסטרוקציע און פאררעכטונגס-מיטלען ווערן ערווארטעט צו דויערן ביז זיבן יאר. נאך אינפארמאציע צו באקומען אויף: https://bethlehemsteelcleanup.com/

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן